# גליון היכל הקודש

ווערכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................5:32
מוצאי שב"ק......................7:00

**שיעורים כסדרן**
נ"ך....................איוב ל"ח-ל"ט
בבלי........................חולין צ"ה
ירושלמי..................שביעית כ"ז
תוספתא...............פאה פרק ד'
רמב"ם.....פסולי המוקדשין י"ט


פרשת ויקהל, שבת שקלים, מברכים חודש אדר ב', כ"ה אדר-א', שנת תשע"ט לפ"ק
שנה 8, גליון 25 (385)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וַיַּקְהֵל מֹשֶׁה אֶת כָּל עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל, וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר צִוָּה ה' לַעֲשֹׂת אֹתָם. שֵׁשֶׁת יָמִים תֵּעָשֶׂה מְלָאכָה, וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי יִהְיֶה לָכֶם קֹדֶשׁ שַׁבַּת שַׁבָּתוֹן לַה'.**
לִכְאוֹרָה דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס פּוּנְקְט דִי פַּרְשָׁה אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן "בְּהַקְהֵל" - מֶען הָאט צוּזַאם גֶענוּמֶען אַלֶע אִידְן אִינְאֵיינֶעם.

דֶער פָּסוּק זָאגְט וַוייטֶער, **אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר צִוָּה ה' "לַעֲשֹׂת" אֹתָם**, דָאס זֶענֶען דִי זַאכְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן אַז מֶען זָאל "טוּן", אוּן דֶערְנָאךְ שְׁטֵייט דִי מִצְוָה אַז מֶען טָאר "נִישְׁט" טוּן קַיין מְלָאכָה שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, לִכְאוֹרָה אִיז שְׁוֶוער דָאס אִיז נִישְׁט אַ זַאךְ וָואס מֶען דַארְף טוּן; נָאר פַארְקֶערְט, אַ זַאךְ וָואס מֶען זָאל נִישְׁט טוּן.

מוֹהַרָא"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ל"ט) **אַז דֶער תַּכְלִית** אוּן דֶער צִיל פַארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט אִיז נָאר אַז מֶען זָאל קֶענֶען אוּן וִויסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. יֶעדֶע זַאךְ וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, וֶוען מֶען וֶועט אַרַיינְטְרַאכְטְן אִין דֶעם וֶועט מֶען זֶען דִי וואוּנְדֶער וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַרַיינְגֶעלֵייגְט דֶערִין, אוּן דָאס וֶועט בְּרֶענְגֶען דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ זֶעהְן דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן בַּאשֶׁעפֶער.

אוּן דָאס אִיז דִי גְרוֹיסְקַייט פוּנֶעם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, וָואס דַאן רִיט מֶען זִיךְ אָפּ אוּן מֶען קֶען אַרַיינְטְרַאכְטְן אוּן זֶעהְן דִי נִפְלָאוֹת הַבּוֹרֵא וָואס לִיגְט אִין יֶעדֶע זַאךְ. אוּן וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט זַיין "יוֹם שֶׁכֻּלּוֹ שַׁבָּת" מֶען וֶועט זֶען אָפְן אוּן קְלָאר אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, אוּן אַז אִין יֶעדֶע זַאךְ אִיז בַּאהַאלְטְן דֶער בַּאשֶׁעפֶער.

נִישְׁט יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קֶען אָבֶּער אַזוֹי שְׁטַארְק אַרַיינְטְרַאכְטְן אוּן זֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין יֶעדֶע זַאךְ, דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל גֵיין צוּ אַ גְרוֹיסְן צַדִּיק וָואס עֶר קֶען זִיךְ אַרָאפְּלָאזְן אוּן מַסְבִּיר זַיין אֲפִילוּ פַאר פְּשׁוּטֶע מֶענְטְשְׁן אַז זֵיי זָאלְן אוֹיךְ שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי זָאלְן אוֹיךְ זֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס אִיז בַּאהַאלְטְן אִין יֶעדֶע זַאךְ אִין דִי וֶועלְט.

אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי מַעֲלָה פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט דֶעם גְרוֹיסְן כֹּחַ אַז עֶר הָאט גֶעקֶענְט מַאכְן אַז אֲפִילוּ דֶער נִידֶערִיגְסְטֶער מֶענְטְשׁ זָאל אוֹיךְ זֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי חַזַ"ל זָאגְן **רָאֲתָה שִׁפְחָה עַל הַיָּם מַה שֶׁלֹּא רָאָה יְחֶזְקֵאל**. מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעהַאט אַזַא כֹּחַ אַז עֶר הָאט גֶעקֶענְט מַאכְן אַז אֲפִילוּ דִי שְׁפָחוֹת, דִי פְּשׁוּט'סְטֶע מֶענְטְשְׁן, זָאלְן אוֹיךְ זֶען אוּן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן מִיר דַארְפְן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זָאלְן אוֹיךְ הָאבְּן אַזַא גְרוֹיסְן מַנְהִיג וָואס זָאל דָאס קֶענֶען אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין אוּנְז.

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק, **וַיַּקְהֵל מֹשֶׁה אֶת כָּל עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל**, דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ טָאג נָאךְ יוֹם כִּיפּוּר וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מוֹחֵל גֶעוֶוען דִי אִידְן אוֹיפְן חֵטְא הָעֵגֶל, דַאן הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ צוּזַאם גֶענוּמֶען אַלֶע אִידְן צוּ זִיךְ, עֶר הָאט גֶעוָואלְט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין זֵיי אַז זֵיי זָאלְן זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס קֶען נָאר גֶעשֶׁען וֶוען דִי אִידְן וֶועלְן זִיךְ צוּזַאם נֶעמֶען צוּם גְרוֹיסְן צַדִּיק מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, עֶר זָאל דָאס אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין זֵיי.

אוּן דִי עֶרְשְׁטֶע הַקְדָּמָה הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט, **אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר צִוָּה ה' לַעֲשֹׂת אֹתָם**, אֲפִילוּ אִין דִי אַרְבֶּעט פוּן דִי גַאנְצֶע וָואךְ, **שֵׁשֶׁת יָמִים תֵּעָשֶׂה מְלָאכָה**, יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען אַרְבֶּעט אַ גַאנְצֶע וָואךְ, וָואס מֶען טוּט אַ גַאנְצֶע וָואךְ, דַארְף מֶען אִין דֶעם טְרֶעפְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן וִוי אַזוֹי טוּט מֶען דָאס? דוּרְךְ **וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי יִהְיֶה לָכֶם קֹדֶשׁ שַׁבַּת שַׁבָּתוֹן לַה'**, שַׁבָּת וֶוען מֶען רִיט זִיךְ אָפּ, דַאן אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט אַרַיינְצוּטְרַאכְטְן, אוּן צוּ זֶען אַז אֲפִילוּ דָאס וָואס מֶען טוּט דִי גַאנְצֶע וָואךְ וֶוען מֶען אִיז פַארְיָאגְט אוּן פַארְפְּלָאגְט, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין צַייט אוּן גֶעדוּלְד צוּ טְרַאכְטְן, אִין דִי אַלֶע זַאכְן אִיז אוֹיךְ בַּאהַאלְטְן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

ווארִיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן גֶעדֶענְקְט שְׁטֶענְדִיג אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִיבֶּעראַל אִין יֶעדֶע זַאךְ.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שב"ק פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל תשס"ה לפ"ק)

## מוֹהַרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### מִשֶּׁנִּכְנַס אָדָר

וֶוען עֶס קוּמְט חוֹדֶשׁ אָדָר, הֵייבְּט מֶען שׁוֹין אָן צוּ שְׁפִּירְן דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּן דֶעם יוֹם טוֹב פּוּרִים, אִין יְרוּשַׁלְמִי (רֵישׁ מַסֶּכֶת מְגִילָה) וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט, אַז אִין גַאנְץ חוֹדֶשׁ אָדָר קֶען מֶען לֵיינֶען דִי מְגִילָה, אוּן אַזוֹי וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹ"ח תרפ"ח, ז') אַז וֶוער עֶס פָּארְט אַרוֹיס אוֹיף אַ וַוייטֶע וֶועג אוּן עֶר קֶען נִישְׁט וַוארְטְן בִּיז פּוּרִים, אוּן עֶר קֶען נִישְׁט מִיטְנֶעמֶען אַ מְגִילָה, קֶען עֶר שׁוֹין לֵיינֶען דִי מְגִילָה פוּן אָנְהוֹיבּ חוֹדֶשׁ אָדָר, זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז גְלַייךְ אִין אָנְהוֹיבּ חוֹדֶשׁ אָדָר, אִיז שׁוֹין דָא דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּן פּוּרִים.

דֶערְפַאר זָאגְן חֲזַ"ל (תַּעֲנִית כ"ו:) "מִשֶּׁנִּכְנַס אָדָר מַרְבִּין בְּשִׂמְחָה", גְלַייךְ וֶוען מֶען טְרֶעט אַרַיין אִין חֹדֶשׁ אָדָר דַארְף מֶען פַארְמֶערְן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן חֲזַ"ל זֶענֶען מְדַייֵק "מַרְבִּין" - מֶען דַארְף "פַארְמֶערְן" מִיט שִׂמְחָה, וַוייל בֶּאֱמֶת הָאט אוּנְז דֶער רֶבִּי גֶעלֶערְנְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן כ"ד) מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה "תָּמִיד", אַ גַאנְץ יָאר דַארְף מֶען אוֹיךְ זַיין פְרֵיילִיךְ; נָאר חוֹדֶשׁ אָדָר דַארְף מֶען נָאךְ מֶער פַארְמֶערְן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן טוּן אַלֶעס וָואס מֶען קֶען צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ.

### מִשֶּׁנִּכְנַס אָדָר מַרְבִּין בְּשִׂמְחָה

אוּן דֶערְפַאר פִירְט מֶען זִיךְ אַז וֶוען עֶס קוּמְט חוֹדֶשׁ אָדָר, הֶענְגְט מֶען אוֹיף גְרוֹיסֶע טָאוְולֶען "מִשֶּׁנִּכְנַס אָדָר מַרְבִּין בְּשִׂמְחָה", צוּ דֶערְמַאנֶען פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אַז מֶען זָאל גֶעדֶענְקְן צוּ זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, אוּן טוּן אַלֶע פְּעוּלוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן


<<<<<<


## א גוט ווארט

דֶער רֶבִּי זָאגְט: דִי וֶועלְט אִיז וִוי אַ שְׁמָאלֶע בְּרִיק, "וְהַכְּלָל וְהָעִקָּר הוּא לֹא לְהִתְפַּחֵד", דֶער עִיקָּר אִיז מֶען זָאל נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן מח).

מוֹהַרָא"שׁ זָאגְט, וֶוען מֶען גֵייט אוֹיף אַ שְׁמָאלֶע בְּרִיק דַארְף מֶען הָאבְּן אַ צוֹים פוּן בֵּיידֶע זַייטְן, וָואס זֶענֶען דִי צְוֵויי צוֹימֶען וָואס מֶען דַארְף הָאבְּן דוּרְךְ צוּ גֵיין דִי וֶועלְט בְּשָׁלוֹם? אֵיינְס אִיז 'שִׂמְחָה' אוּן אֵיינְס אִיז 'הִתְבּוֹדְדוּת'; אַז מֶען הָאט דִי צְוֵויי זַאכְן קֶען מֶען אַרִיבֶּער גֵיין דֶעם שְׁמָאלְסְטְן בְּרִיק אָן קַיין שׁוּם פַּחַד.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' וַיַּקְהֵל תשע"ט)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



## קֶען מֶען לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת פַאר עֶטְלִיכֶע נְשָׁמוֹת אוֹיפְאַמָאל?

**שְׁאֵלָה:**

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים וְכוּ' וָואס זֶענֶען בֶּאֱמֶת מְחַיֶה נְפָשׁוֹת, בִּפְרַט אִין דִי הַיינְטִיגֶע דוֹרוֹת, חִזְקוּ וְאִמְצוּ אִין דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז אַז אִיךְ לֶערְן מִשְׁנַיוֹת לְעִילוּי נִשְׁמַת פַארְשִׁידֶענֶע יְדִידִים אוּן מִשְׁפָּחָה, זֵיידֶעס אוּן בַּאבֶּעס, אִיז דִי שְׁאֵלָה אוֹיב מְ'קֶען לֶערְנֶען פַאר עֶטְלִיכֶע נְשָׁמוֹת אוֹיף אֵיין מָאל, דְהַיְינוּ אִיךְ זָאג הֲרֵינוּ לוֹמֵד לְעִילוּי נִשְׁמַת דֶעם אוּן לְעִילוּי נִשְׁמַת יֶענֶעם, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

**אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ נָאכְאַמָאל.**

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ד' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ח' אָדָר א', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד... נֵרוֹ יָאִיר.**

מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת טוּט פַאר דִי נְשָׁמָה; עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט (מִדְרַשׁ תַּלְפִּיּוֹת אוֹת אַלֶ"ף, סוֹף עָנָף "אֵפוֹד") אַז אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב זִיצְט בַּיים טִיר פוּן גֵיהִנוֹם אוּן וֶוער עֶס הָאט גֶעלֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת, אָדֶער מֶען לֶערְנְט פַאר אִים מִשְׁנַיוֹת לָאזְט עֶר נִישְׁט אַרַיין אִין גֵיהִנוֹם; דֶער חִידָ"א טַייטְשְׁט מִיט דֶעם דֶער פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית מט, כ): "מֵאָשֵׁר שְׁמֵנָה לַחְמוֹ", 'שְׁמֵנָה' אִיז דִי אוֹתִיּוֹת 'מִשְׁנָה', וֶוען 'אָשֵׁר' זֶעט אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעלֶערְנְט 'מִשְׁנָה', "וְהוּא יִתֵּן מַעֲדַנֵּי מֶלֶךְ", גֶעבְּט עֶר אִים גַן עֵדֶן; אַזוֹי אוֹיךְ נֶעמְט מִשְׁנַיוֹת אַרוֹיס דִי נְשָׁמָה פוּן אַלֶע קְלִיפּוֹת.

זֵייעֶר גוּט טוּסְטוּ אַז דוּ לֶערְנְסְט מִשְׁנַיוֹת לְעִילוּי נִשְׁמַת; דוּ דֶערְמַאנְסְט מִיר אַ מַעֲשֶׂה וָואס מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ תַּלְמִיד הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ וָואס פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג זָאגְן חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן דֶער מַשְׁגִיחַ פוּן יְשִׁיבָה פְלֶעגְט אִים כְּסֵדֶר פְרֶעגְן: "וָואס, דוּ לֶערְנְסְט מִשְׁנַיוֹת?" אוּן כְּדַאי צוּ בַּאהַאלְטְן זַיין הִתְקַרְבוּת אַז מֶען זָאל אִים נִישְׁט אַרוֹיס וַוארְפְן פוּן יְשִׁיבָה וְכוּ' פְלֶעגְט עֶר עֶנְטְפֶערְן פַאר'ן מַשְׁגִיחַ: "יָא, אִיךְ לֶערְן מִשְׁנַיוֹת. אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוּנְטֶער גֶענוּמֶען צוּ לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת פַאר אַ נְשָׁמָה וְכוּ'"; אַזוֹי אִיז אַרִיבֶּער אַ שְׁטִיק צַייט, אָבֶּער וֶוען דֶער מַשְׁגִיחַ הָאט גֶעזֶען אַז דֶער בָּחוּר לֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת יֶעדֶע נַאכְט פַאר גֵייט שְׁלָאפְן שׁוֹין בַּאלְד אַ גַאנְצֶע יָאר הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶפֶּעס שְׁטִימְט נִישְׁט דָא, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט דֶעם בָּחוּר: "זָאג מִיר דֶעם נָאמֶען פוּן דִי נְשָׁמָה פַאר וֶועם דוּ לֶערְנְסְט מִשְׁנַיוֹת", הָאט דֶער בָּחוּר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "פַאר מַיין אֵייגֶענֶע נְשָׁמָה, אִיךְ וִויל זִיךְ מְתַקֵן זַיין". וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען אַז דֶער מַשְׁגִיחַ פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר זָאגְט, הָאט עֶר בָּחוּר גֶעגֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין פַארְ'ן מַשְׁגִיחַ: "אִיךְ מוּז שְׁטַארְבְּן אַז מֶען זָאל מִיר מְתַקֵן זַיין? אִיךְ וִויל שׁוֹין יֶעצְט אַרוֹיס נֶעמֶען מַיין נְשָׁמָה פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית"... וֶוען דֶער מַשְׁגִיחַ הָאט גֶעהֶערְט דִי פָּשׁוּט'עֶ אֱמֶת'עֶ וֶוערְטֶער פוּן דֶעם בָּחוּר הָאט עֶר אִים גֶעלָאזְט וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט זַיין לִימוּד חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת.

זֵיי וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ מִיטְ'ן לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת; דָאס וֶועט פַארֶערְכְטְן סַיי דַיין נְשָׁמָה אוּן אַזוֹי אוֹיךְ דִי נְשָׁמוֹת פוּן אַלֶע דַיינֶע זֵיידֶעס אוּן בָּאבֶּעס וְכוּ'. עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן צַדִיקִים (עַיֵין בְּסֵפֶר קוֹל סוֹפֵר עַל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, חֵלֶק ב) אַז אֲפִילוּ אוֹיבּ מֶען אִיז נִישְׁט מַזְכִּיר דִי נֶעמֶען פוּן דִי זֵיידֶעס אוּן בַּאבֶּעס וֶוערְן זֵיי אַלֶע פַארְרָאכְטְן וֶוען זֵייעֶר קִינְד אָדֶער אֵיינִיקְל לֶערְנְט אוּן טוּט גוּטֶע מַעֲשִׂים, עֶס וֶוערְט נִישְׁט אַרָאפְּגֶערֶעכְנְט פוּן קֵיינֶעם קַיין חֵלֶק פוּן דִי שְׂכַר; אוּנְזֶער מֹחַ אִיז בַּאגְרֶענִיצְט דֶערְפַאר פַארְשְׁטֵייט מֶען דָאס נִישְׁט, אָבֶּער אוֹיבְן אִין הִימְל אִיז אַלֶעס רוּחְנִיוּת, דָארְט נֶעמֶען אַלֶע נְשָׁמוֹת גְלַייךְ שְׂכַר פוּן דִי מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים וָואס מֶען טוּט פַאר זֵיי.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

BreslevCenter.com\answers



**די איבריגע פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א פון די וואך, קען מען זען אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה".**

**צו באקומען אין ישיבה, אדער רופט 646-334-2858**

>>>>>>

מִיט דֶעם וָואס מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ דֶעם חוֹדֶשׁ, אִיז מֶען מִיט דֶעם מַמְשִׁיךְ אַלֶע גוּטֶע הַשְׁפָּעוֹת וָואס קוּמְט אַרָאפּ אִין דִי טֶעג.

דִי גְמָרָא זָאגְט (בֵּיצָה ט"ו:) "הָרוֹצֶה שֶׁיִּתְקַיְּמוּ נְכָסָיו יִטַּע בָּהֶן אַדֶר, שֶׁנֶּאֱמַר אַדִּיר בַּמָּרוֹם ה'", בִּפְשַׁטוּת מֵיינְט עֶס אַז וֶוער עֶס וִויל אַז זַיינֶע פֶעלְדֶער זָאלְן גוּט וַואקְסְן, זָאל עֶר אַיינְפְלַאנְצְן אַ גֶעוִויסֶע גְרָאז וָואס הֵייסְט "אָדָר"; דָאס אִיז אָבֶּער אוֹיךְ מְרַמֵז אוֹיף דֶעם וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, שִׂמְחָה, ח"ב, א) "מִי שֶׁהוּא שָׂמֵחַ תָּמִיד עַל יְדֵי זֶה הוּא מַצְלִיחַ", וֶוער עֶס אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ וֶועט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶעס. אוּן דֶערְפַאר זָאגְן דִי חֲזַ"ל "הָרוֹצֶה שֶׁיִּתְקַיְּמוּ נְכָסָיו", וֶוען אֵיינֶער וִויל מַצְלִיחַ זַיין בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת, "יִטַּע בָּהֶן אָדָר", זָאל עֶר בַּיי זִיךְ אַיינְפְלַאנְצְן דִי מִדַּת הַשִּׂמְחָה פוּן חוֹדֶשׁ אָדָר, אוּן דִי שִׂמְחָה וֶועט אִים בַּאגְלֵייטְן אוּן הֶעלְפְן אַז עֶר זָאל שְׁטֶענְדִיג מַצְלִיחַ זַיין.

### וִוי אַזוֹי קֶען מֶען וִויסְן אוֹיבּ מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ?

וִוי אַזוֹי קֶען אַ מֶענְטְשׁ וִויסְן אוֹיבּ עֶר אִיז טַאקֶע פְרֵיילִיךְ? וֶוען דִי שִׂמְחָה גִיסְט זִיךְ אִיבֶּער, אוּן מֶען מַאכְט פְרֵיילִיךְ אוֹיךְ אַנְדֶערֶע אִידְן, דֶעמָאלְט וֵוייסְט מֶען אַז מֶען אִיז בֶּאֱמֶת פְרֵיילִיךְ.

אוּן דֶערְפַאר זֶעט מֶען אַז דִי מִצְוֹת פוּן חוֹדֶשׁ אָדָר זֶענֶען פוּל מִיט צְדָקָה וָחֶסֶד, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ וֶועט עֶר טוּן צְדָקָה וָחֶסֶד מִיט אַנְדֶערֶע, צוּ מַאכְן פְרֵיילִיךְ אַנְדֶערֶע אִידְן אוֹיךְ.

עֶס הֵייבְּט זִיךְ אָן מִיט שַׁבָּת שְׁקָלִים, וָואס מֶען רוּפְט שׁוֹין אוֹיס צוּ גֶעבְּן שְׁקָלִים, צוּ גֶעבְּן צְדָקָה, אוּן דֶערְנָאךְ עֶרֶב פּוּרִים פִּירְט מֶען זִיךְ צוּ גֶעבְּן מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל פַאר צְדָקָה, אוּן דֶערְנָאךְ פּוּרִים אַלֵיינְס אִיז דָאךְ פִיל נָאר מִיט צְדָקָה וָחֶסֶד; מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת, מַתָּנוֹת לָאֶבְיוֹנִים, סְעוּדַת פּוּרִים מִיט דִי מִשְׁפָּחָה אוּן פְרַיינְד, אוּן אוֹיךְ פוּן פּוּרִים וָואס אִיז דְרַייסִיג טֶעג פַאר דֶער יוֹם טוֹב פֶּסַח, הֵייבְּט מֶען שׁוֹין צוּזַאם נֶעמֶען קִמְחָא דְפִסְחָא פַאר אָרִימֶעלַייט אוֹיף פֶּסַח; קוּמְט אוֹיס אַז גַאנְץ חוֹדֶשׁ אָדָר אִיז פַארְבִּינְדֶען מִיט צְדָקָה וָחֶסֶד, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ, וִויל עֶר אוֹיךְ מַאכְן פְרֵיילִיךְ אַנְדֶערֶע מִיט צְדָקָה וָחֶסֶד.

### תְּשׁוּבָה מִיט שִׂמְחָה

אַזוֹי וִוי חֹדֶשׁ אֱלוּל אִיז אַ חוֹדֶשׁ וָואס מֶען טוּט תְּשׁוּבָה מִיִּרְאָה, מֶען הָאט מוֹרָא פוּנֶעם יוֹם הַדִין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן מֶען גְרֵייט זִיךְ צוּ אַ גַאנְצֶע חוֹדֶשׁ מִיט תְּשׁוּבָה אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים צוּ קֶענֶען זוֹכֶה זַיין בְּדִין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָנְשְׁרַייבְּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

אַזוֹי אוֹיךְ אִיז דֶער חוֹדֶשׁ אָדָר אַ חוֹדֶשׁ וָואס מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, אָבֶּער יֶעצְט אִיז עֶס תְּשׁוּבָה מֵאַהֲבָה אוּן מִיט שִׂמְחָה, אוּן מִיט דֶעם גְרֵייט מֶען זִיךְ צוּ צוּם חוֹדֶשׁ נִיסָן וָואס אִיז דֶער חוֹדֶשׁ הַגְּאֻלָּה, בְּנִיסָן עֲתִידִין לְהִגָּאֵל, אוּן מִיט דִי שִׂמְחָה פוּן דֶעם חוֹדֶשׁ קֶען מֶען פַארֶערְכְטְן אַלֶעס וָואס מֶען אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען גֶענוּג פְרֵיילִיךְ אַ גַאנְץ יָאר.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (הַשְׁמָטוֹת לְחַיֵּי מוֹהֲרַ"ן) אַז אָדָר אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן ר'אשׁ דְ'בָרְךָ אֶ'מֶת. קֶען זַיין דֶער פְּשַׁט לוֹיט וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (קִידּוּשִׁין ל"א.) אוֹיף דֶעם פָּסוּק ר'אשׁ דְ'בָרְךָ אֶ'מֶת, פְרֶעגְט אוֹיף דֶעם דִי גְמָרָא "רֹאשׁ דְּבָרְךָ וְלֹא סוֹף דְּבָרְךָ?" - נָאר דִי אָנְפַאנְג וֶוערְטֶער זֶענֶען אֱמֶת, אוּן דִי סוֹף נִישְׁט? זָאגְט דִי גְמָרָא "אֶלָּא מִסּוֹף דְּבָרְךָ נִיכָּר שֶׁרֹאשׁ דְּבָרְךָ אֱמֶת", פוּנֶעם סוֹף זֶעהְט מֶען אַז דִי אָנְפַאנְג אִיז אוֹיךְ אֱמֶת.

דָאס קֶען זַיין אִיז דֶער רֶבִּי מְרַמֵז, אָדָר אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת ר'אשׁ דְ'בָרְךָ אֶ'מֶת, אַז חוֹדֶשׁ אָדָר וָואס אִיז דֶער לֶעצְטֶער חוֹדֶשׁ פוּנֶעם סֵדֶר הַחֳדָשִׁים, וֶוען מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ אִין דֶעם חוֹדֶשׁ, אִיז מֶען מִיט דֶעם מְתַקֵן דִי אַלֶע חֳדָשִׁים וָואס מֶען אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ, וַוייל פוּן דֶעם לֶעצְטְן חוֹדֶשׁ, וֶוען מֶען אִיז דֶעמָאלְט פְרֵיילִיךְ, וַוייזְט מֶען מִיט דֶעם אַז מֶען הָאט בֶּאֱמֶת גֶעוָואלְט זַיין פְרֵיילִיךְ אוֹיךְ אַ גַאנְץ יָאר, אוּן עֶס וֶוערְט גֶערֶעכְנְט וִוי מֶען וָואלְט גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ אַ גַאנְץ יָאר.

**דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ דַארְף מֶען בֶּעטְן אוֹיף שִׂמְחָה, וַוייל וֶוען מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ פַאלְט שׁוֹין מְמֵילָא אַוֶועק אַלֶע אַנְדֶערֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדוֹת...**

וֶוען מֶען טוּט תְּשׁוּבָה מֵאַהֲבָה, זָאגְט דִי גְמָרָא (יוֹמָא פ"ו:) אַז דֶעמָאלְט וֶוערְן אַלֶע עֲבֵירוֹת אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט אוֹיף מִצְוֹת; דֶערְפַאר וֶוען עֶס קוּמְט חוֹדֶשׁ אָדָר אוּן מֶען טוּט תְּשׁוּבָה בְּשִׂמְחָה וֶוערְט מְקוּיָם ר'אשׁ דְ'בָרְךָ אֶ'מֶת, אַזוֹי וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט, אַז פוּן סוֹף יָאר וֶוערְט דִי גַאנְצֶע יָאר אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט צוּם גוּטְן, אַלֶע עֲבֵירוֹת וֶוערְן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט צוּ מִצְוֹת.

### וִוי אַזוֹי וֶוערְט מֶען פְרֵיילִיךְ?

צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ קוּמְט אָן זֵייעֶר שְׁוֶוער, אַלֶע אַנְדֶערֶע עֲבוֹדוֹת זֶענֶען אַסַאךְ גְרִינְגֶער צוּ טוּן וִוי צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, וַוייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ גֵייט

<<<<<<

<<<<<<

דוּרְךְ צָרוֹת אוּן שְׁוועריקייטן, בִּיטֶערנִישְׁן אוּן חֲלִישַׁת הַדַּעַת, אוּן דָאס צוּבְּרֶעכְט זֵייעֶר שְׁטַארְק אַ מֶענְטְשׁ, מֶען פַארְלִירְט דִי מוּט, אוּן מֶען קֶען נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ.

דֶערְפַאר אִיז דֶער עִיקָר גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ מֶענְטְשׁ וֶוען עֶר קֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן, אוּן אֲפִילוּ מִיט אַלֶע שְׁוועריקייטְן וָואס עֶר גֵייט דוּרְךְ, זָאל עֶר נָאךְ אַלְץ זַיין פְרֵיילִיךְ. וֶוען עֶס גֵייט גוּט פַאר אַ מֶענְטְשׁ אוּן דֶעמָאלְט אִיז עֶר פְרֵיילִיךְ אִיז דָאס בִּכְלַל נִישְׁט קַיין קוּנְץ, נָאר פַארְקֶערְט וֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט אַזוֹי גוּט, אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן שְׁטַארְקְט עֶר זִיךְ צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, דֶעמָאלְט דֶערְקֶענְט זִיךְ דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִיד.

שִׂמְחָה קוּמְט דוּרְךְ אֱמוּנָה, וֶוען אַ אִיד גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג מִיט אִים, עֶר הֶעלְפְט אִים, אוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס גֶעשֶׁעט אִיז נִישְׁט פוּנְקט גֶעשֶׁען בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע, נָאר יֶעדֶע זַאךְ מַאכְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין מִיט זַיין גְרוֹיס רַחֲמָנוּת, וָואלְט עֶר גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ.

נָאכְדֶערְצוּ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ תּוֹרָה מִיט מִצְוֹת וָואס מִיר זֶענֶען זוֹכֶה צוּ מְקַיֵים זַיין, דַארְפְן מִיר זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן מִיט דֶעם, וְוִיפִיל יָאר לֶעבְּט שׁוֹין אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט? "יְמֵי שְׁנוֹתֵינוּ בָהֶם שִׁבְעִים שָׁנָה וְאִם בִּגְבוּרֹת שְׁמוֹנִים שָׁנָה", אוּן אַז מֶען כַאפְּט נָאךְ אַרוֹיס גוּטֶע זַאכְן אִין דִי עֶטְלִיכֶע יָאר, קֶען מֶען זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן מִיט דֶעם.

פַארְוָואס הִיט מֶען שַׁבָּת? וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן. פַארְוָואס עֶסְט מֶען כָּשֵׁר'ס? וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן. פַארְוָואס הָאבְּן מִיר אַ מְזוּזָה אוֹיפְ'ן טִיר? פַארְוָואס קוּשְׁן מִיר דִי מְזוּזָה? וַוייל אִין דִי מְזוּזָה שְׁטֵייט קַבָּלַת עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם, אוּן מִיר פְרֵייעֶן זִיךְ מִיט דֶעם. אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אַלֶע מִצְוֹת וָואס יֶעדֶער אִיד טוּט, קֶען מֶען זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן דֶערְמִיט, אוּן דָאס וַוייזְט אַז מֶען גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, נְפִילַת אַפַּיִם, הֲלָכָה ד') אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי רִשְׁעוּת פוּן הָמָן וֶוען עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר אַחַשְׁוֵרוֹשׁ, וְדָתֵיהֶם שׁוֹנוֹת מִכָּל עָם, הָמָן הָאט גֶעזָאגְט אַז אֲפִילוּ יֶעדֶע פָאלְק אוּן לַאנְד הָאט אוֹיךְ גֶעזֶעצְן, זֵיי זֶענֶען אָבֶּער נִישְׁט פְרֵיילִיךְ עֶס מְקַיֵים צוּ זַיין; בַּיי דִי אִידְן אָבֶּער, וֶוען זֵיי טוּעֶן מִצְוֹת זֶענֶען זֵיי זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, אוּן דָאס הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעקְרֶענְקְט פַאר הָמָן, דָאס הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְהַאלְטְן, וַוייל אוֹיבּ מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ מִיט דִי מִצְוֹת, אִיז אַ סִימָן אַז עֶס לִיגְט אִין דֶעם אַ הֶעכֶערֶע כֹּחַ.

דָאס קֶען מֶען טַאקֶע זֶען אַז דִי גֶעזֶעצְן פוּנֶעם לַאנְד זוּכְט מֶען נָאר וְוִי אַזוֹי אוֹיסְצוּשְׁפִּילְן, וֶוען קֵיינֶער זֶעט נִישְׁט וֶועט מֶען זִיךְ אַרוֹיס דְרֵייעֶן; אִידִישֶׁע קִינְדֶער פָאלְגְן אָבֶּער דִי תּוֹרָה וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶס גֶעהֵייסְן אוּן זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ דֶערְמִיט.

רֶבִּי נָתָן הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם: "אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זַיין פְרֵיילִיךְ וֶועסְטוּ נִישְׁט זֶען דֶעם גֵיהִנּוֹם", אוּן יֶענֶער הָאט עֶס טַאקֶע מְקַיֵים גֶעוֶוען זַיין גַאנְץ לֶעבְּן.

## דֶער טָאג וֶועט סֵיי וְוִי אַרִיבֶּער גֵיין

צִי עֶס גֵייט גוּט אָדֶער שְׁלֶעכְט, וֶועט דֶער טָאג סֵיי וְוִי אַרִיבֶּער גֵיין. מְמֵילָא פַארְוָואס זָאל מֶען נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ אִינֶעם טָאג?

חֲזַ"ל זָאגְן (תַּנְחוּמָא, שְׁמִינִי) "אֵין הַשִּׂמְחָה מַמְתֶּנֶת לָאָדָם, לֹא כָּל מִי שֶׁשָּׂמֵחַ הַיּוֹם שָׂמֵחַ לְמָחָר", דָאס אִיז זֵייעֶר אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ צוּ גֶעדֶענְקְן, וַוייל גֶעוֶוענְלִיךְ וֶוען עֶס קוּמְט אַ שְׁוֶוערֶע טָאג, זַאכְן גֵייעֶן נִישְׁט אַזוֹי וְוִי מֶען וִויל, אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ; מֶען טְרַאכְט "מָארְגְן וֶועט זַיין אַ בֶּעסֶערֶע טָאג, מָארְגְן וֶועל אִיךְ זַיין פְרֵיילִיךְ", דֶערְפַאר זָאגְן אוּנְז דִי חֲזַ"ל: וַוארְט נִישְׁט אוֹיף מָארְגְן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, וַוייל וְוִי אַזוֹי וֵוייסְטוּ וָואס מָארְגְן וֶועט זַיין? פְּרוּבִּיר צוּ זַיין הַיינְט פְרֵיילִיךְ, נִישְׁט קַיין חִילוּק וְוִי אַזוֹי דִי מַצָּב אִיז, אוּן דָאס וֶועט מַאכְן אַז דוּ זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין מִיט אַלֶעס, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ אִיז עֶר מַצְלִיחַ.

דִי בְּחִירָה לִיגְט אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, וְוִי אַזוֹי עֶר זָאל אָנְנֶעמֶען זַיין לֶעבְּן, וְוִי דֶער פָּסוּק זָאגְט "רְאֵה אָנֹכִי נֹתֵן לִפְנֵיכֶם הַיּוֹם בְּרָכָה וּקְלָלָה", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גִיבְּט פַארְן מֶענְטְשׁ אַ טָאג, אוּן עֶר קֶען מִיט דֶעם מַאכְן אַ בְּרָכָה אָדֶער אַ קְלָלָה, פְרֵיילִיךְ אָדֶער טְרוֹיעֶרִיג, מֶען קֶען אָנְנֶעמֶען דֶעם טָאג גוּט, קוּקְן נָאר אוֹיף דִי גוּטֶע חֲלָקִים וָואס מֶען הָאט אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם, אוּן מֶען קֶען אַלֶעס אָנְנֶעמֶען שְׁלֶעכְט, אוּן זַיין טְרוֹיעֶרִיג, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: "וּבָחַרְתָּ בַּחַיִּים", וֶועל אוֹיס דָאס לֶעבְּן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן, דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ הָאבְּן אַלֶעס גוּטְס.

עֶס אִיז נִישְׁט דָא מֶער אַ גְלִיקְלִיכֶערֶע מֶענְטְשׁ פוּן אֵיינֶעם וָואס גִיבְּט זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וֵוייסְט אַז עֶר אִיז אִין גוּטֶע הֶענְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים אוּן עֶר וֶועט אִים שְׁטֶענְדִיג הֶעלְפְן, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזַא מֶענְטְשׁ הָאט דֶעם גַן עֵדֶן אוֹיף דִי וֶועלְט.

## דֶער עִיקָר אִיז פְרֵיילִיךְ

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד וָואס הָאט גֶעהֵייסְן רֶבִּי עוֹזֵר, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עוֹבֵד ה', מִיט פוּלְסְטְן בְּרֶען אוּן עֶרְנְסְטְקֵייט, אוּן פוּן זַיין גְרוֹיסֶע עֲבוֹדָה הָאט עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שְׁמֵייכְל אוֹיפְ'ן פָּנִים, עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען צוּגֶעלֵייגְט, הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט זָאגְן אוֹיף דִיר עוֹזֵר אַז דוּ בִּיזְט פְרוּם [עֶרְנְסְט]; אִיךְ הָאבּ אָבֶּער נִישְׁט אַזוֹי מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן רֶבִּי'ן, נָאר דֶער עִיקָר אִיז צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן אַבִּיסְל פְרוּם אוֹיךְ". דָאס מֵיינְט אַז דֶער עִיקָר דַארְף מֶען זִיךְ פַארְלֵייגְן אוֹיף שִׂמְחָה, שְׁטֶענְדִיג זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוּן זַיין פְרֵיילִיךְ.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן נ"ב) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת, עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל פָּטוּר וֶוערְן פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת, צוּ הָאבְּן נָאר גוּטֶע מִדּוֹת, דַארְף עֶר קוֹדֶם בֶּעטְן אוֹיף אֵיין מִדָּה אוּן אַרְבֶּעטְן נָאר אוֹיף דֶעם בִּיז עֶר וֶועט אִינְגַאנְצְן אוֹיסְאַרְבֶּעטְן דִי מִדָּה, אוּן דֶערְנָאךְ זָאל עֶר גֵיין צוּ דִי צְוֵוייטֶע אוּן צוּ דִי דְרִיטֶע אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

שְׁטֶעלְט זִיךְ אָבֶּער דִי שְׁאֵלָה, פוּן וואוּ הֵייבְּט מֶען אָן? וֶוען מֶען אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת, אוֹיף וֶועלְכֶע מִדָּה זָאל מֶען דִי עֶרְשְׁטֶע בֶּעטְן?

דִי עֶרְשְׁטֶע מִדָּה אוֹיף וָואס מֶען דַארְף בֶּעטְן אִיז אוֹיף שִׂמְחָה, מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין צוּגֶעלֵייגְט אוּן טְרוֹיעֶרִיג, וַוייל וֶוען מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ פַאלְט שׁוֹין מְמֵילָא אַוֶועק אַלֶע אַנְדֶערֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת, וָואס קוּמֶען פוּן עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, אוּן מֶען בַּאקוּמְט אַלֶע גוּטֶע מִדּוֹת.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז פְרֵיילִיךְ אִין חוֹדֶשׁ אָדָר, אוּן נָאךְ מֶער וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַנְדֶערֶע, עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרַא"ש חֵלֶק ט"ז עֶרֶךְ חֹדֶשׁ אָדָר וְעֶרֶךְ שִׂמְחָה חֵלֶק ז' ח' י' י"ג)

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (כב)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דֶער נָאמֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הוֹיבְּט אָן בַּאקַאנְט צוּ וֶוערְן אוֹיף דֶער וֶועלְט.**

### קטו

אֵיינְמָאל אִינְמִיטְן ווִינְטֶער הָאט מֶען גֶערוּפְן דֶעם רֶבִּי'ן צוּ אַ בְּרִית אִין דָארְף אַלֶכְּסַנְדֶערִיוְוקֶע, וָואס אִיז נֶעבְּן אוּסְיַאטִין, אוּן דֶער רֶבִּי אִיז אַהִינְגֶעפָארְן. בַּיים בְּרִית אִיז צוּגֶעקוּמֶען אַ אִיד צוּם רֶבִּי'ן, אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט זַיין בִּיטֶער הַארְץ וֶועגְן זַיין טָאכְטֶער, אַז אַ גוֹי הָאט אִיר צוּגֶערֶעדְט אַז זִי זָאל זִיךְ שְׁמַד'ן רַחֲמָנָא לִיצְלָן, דֶערְנָאךְ אִיז דִי טָאכְטֶער פַארְשְׁוואוּנְדְן גֶעוָוארְן, אוּן עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וואוּ זִי גֶעפוּנְט זִיךְ. דֶער רֶבִּי הָאט אִים גְלַייךְ גֶעזָאגְט אַז זַיין טָאכְטֶער אִיז בַּיים אָרְטִיגְן גַלָח.

דֶער אִיד הָאט דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט גְלוֹיבְּן, וַוייל עֶר הָאט גֶעלֶעבְּט זֵייעֶר אִין גוּטְן מִיטְ'ן גַלָח, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרַאכְטְן אַז דֶער גַלָח זָאל טוּן צוּ אִים אַזַא פַארְבְּרֶעךְ. אוּן עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן וָואס עֶר קֶען יֶעצְט טוּן, וְוִי אַזוֹי קֶען עֶר אִיר צוּרִיק אַרוֹיסְבַּאקוּמֶען פוּן גַלָח'ס הוֹיז. הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז עֶר זָאל גְלַייךְ נֶעמֶען צְוֵויי מֶענְטְשְׁן מִיט אַ ווִינְטֶער-וָואגְן, וָואס אִיז גֶעוְנְצְלִיךְ פַארְמַאכְט, אוּן פָארְן צוּם גַלָח'ס הוֹיז, אוּן זַיין טָאכְטֶער וֶועט שְׁטֵיין דָארְט אִינְדְרוֹיסְן פוּן הוֹיז, אוּן זִי וֶועט גְלַייךְ מַסְכִּים זַיין אַהֵיימְצוּקוּמֶען מִיט זֵיי אוֹיפְ'ן וָואגְן.

דֶער אִיד הָאט גֶעפָאלְגְט אוּן גְלַייךְ אַזוֹי גֶעטוּן, סְ'אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען אַלֶעס אַזוֹי וְוִי דֶער רֶבִּי הָאט פָארְאוֹיס גֶעזָאגְט, אוּן דִי טָאכְטֶער אִיז צוּרִיק אַהֵיימְגֶעקוּמֶען.

אִינְצְוִוישְׁן זֶענֶען דִי אָרְטִיגֶע גוֹיִם גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן פוּן דִי מַעֲשֶׂה, זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן זֵייעֶר בֵּייז אַז מְ'הָאט אַרוֹיסְגֶעכַאפְּט דִי אִידִישֶׁע טָאכְטֶער פוּנֶעם גַלָח'ס הֶענְט, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ צוּזַאמְגֶענוּמֶען מִיט הֶעק אוּן שְׁטֶעקֶענֶעס, אוּן הָאבְּן זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט מַאכְן אַ פָּאגְרָאם קֶעגְן דִי אִידְן.

דֶערְוַוייל אִיז דֶער רֶבִּי נָאךְ גֶעזֶעסְן בַּיים סְעוּדַת בְּרִית, אוּן דִי דֶערְשְׁרָאקֶענֶע אִידְן זֶענֶען גֶעקוּמֶען לוֹיפְן צוּם רֶבִּי'ן אוּן דֶערְצֵיילְט וָואס דָא גֵייט פָאר, זֵיי זֶענֶען אִין אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה. הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן, נָאר זֵיי זָאלְן נֶעמֶען שְׁטֶעקֶענֶעס אוּן אַרוֹיסְגֵיין קֶעגְן דִי צְעווִילְדֶעוֶועטֶע גוֹיִם. דִי אִידְן הָאבְּן אַזוֹי גֶעטוּן, אוּן וֶוען דִי גוֹיִם הָאבְּן גֶעזֶען וְוִי דִי אִידְן קוּמֶען קֶעגְן זֵיי מִיט שְׁטֶעקֶענֶעס, הָאבְּן זֵיי זִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן אוּן זֶענֶען זִיךְ צֶעגַאנְגֶען. דָאס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין נַאטִירְלִיכֶע זַאךְ, וַוייל סְ'אִיז קוֹים גֶעוֶוען גֶעצֵיילְטֶע אִידְן מִיט שְׁטֶעקֶענֶעס קֶעגְן פִילֶע גוֹיִם מִיט הֶעק.

דֶערְנָאךְ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גְלַייךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרְבֶּעטְן צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ פַאר דִי מֵיידְל, דֶער רֶבִּי הָאט אִיר מְשַׁדֵּךְ גֶעוֶוען מִיט עֶפֶּעס אַ פָּשׁוּטֶער בָּחוּר, אַן אָרְטִיגֶער שׁוּסְטֶער פוּן דֶעם דָארְף, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אָנְגֶעוָוארְנְט דֶעם בָּחוּר אוּן גֶעזָאגְט, "דוּ זָאלְסְט זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז וֶוען סְ'וֶועט זִיךְ מַאכְן אַמָאל אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ קְרִיגְן מִיט אִיר, זָאלְסְטוּ אִיר קֵיינְמָאל נִישְׁט דֶערְמַאנֶען אוּן אִיר פַארְשֶׁעמֶען מִיט דִי מַעֲשֶׂה אַז זִי הָאט אַמָאל זִיךְ גֶעוָואלְט שְׁמַד'ן. אוֹיבּ וֶועסְטוּ אַזוֹי טוּן, זָאג אִיךְ דִיר צוּ אַז דוּ וֶועסְט הָאבְּן מִיר אִיר גוּטֶע וואוֹילֶע קִינְדֶער".

דֶער חָתָן הָאט זִיךְ דָאס טַאקֶע פָארְגֶענוּמֶען, אוּן זֵיי הָאבְּן טַאקֶע גֶעהַאט שְׁפֶּעטֶער גָאר וואוֹילֶע קִינְדֶער, וָואס זֶענֶען אוֹיסְגֶעשְׁטִיגְן צוּ וֶוערְן רַבָּנִים, לוֹמְדִים, אוּן גְרוֹיסֶע תַּלְמִידֵי חֲכָמִים.

### קטז

אִינְצְוִוישְׁן אִיז דֶעם רֶבִּינְ'ס נָאמֶען נָאךְ מֶער בַּאקַאנְט גֶעוָוארְן, אַסַאךְ אִידְן הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי מְחַזֵּק גֶעוֶוען צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט אוֹיפְגֶעפְלַאמְט זֵייעֶרֶע הֶערְצֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען אַסַאךְ צוּ רֶעדְן

<<<<<<

>>>>>>

צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַסַאךְ צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן מִיט גְרוֹיס הַתְמָדָה.

## שְׁנַת תק״נ

### קיז

אִין יָאר תק״נ אִיז נִפְטַר גֶעוָוארְן דֶעם רֶבִּינְ׳ס שְׁוִויגֶער, אוּן זַיין שְׁוֶוער רֶבִּי אֶפְרַיִם זַ״ל אִיז גֶעפָארְן מִיטְ׳ן רֶבִּי׳ן קַיין מָאהְלוּב פַאר אַ שִׁידוּךְ. דֶער רֶבִּי הָאט דָארְט אַסַאךְ גֶעאַרְבֶּעט פַאר אַ שִׁידוּךְ פַאר זַיין שְׁוֶוער, אוּן צוּם סוֹף הָאט דֶער רֶבִּי אַלֵיין אוֹיסְגֶעפִירְט דֶעם שִׁידוּךְ פַאר זַיין שְׁוֶוער, אוּן זֵיי הָאבְּן דָארְט חֲתוּנָה גֶעהַאט.

כָּאטְשׁ וָואס דֶער רֶבִּי אִיז נָאךְ גֶעוֶוען דֶעמָאלְט זֵייעֶר יוּנְג, קוֹים אַכְצְן יָאר, פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאבְּן מֶענְטְשְׁן גֶעהַאט רֶעסְפֶּעקְט פַאר אִים, זַייעֶנְדִיג אַן אֵיינִיקְל פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי״ע, אוּן אוֹיךְ וַוייל מְ׳הָאט דֶערְקֶענְט אוֹיף אִים אַלֵיין זַיין גְרוֹיסְקֵייט, מְ׳הָאט שׁוֹין דֶעמָאלְט פַארְשְׁטַאנֶען אַז מִיט דִי צַייט וֶועט עֶר וֶוערְן זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער חִידוּשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט.

וֵויילְנְדִיג אִין מָאהְלוּב, אִיז דֶער רֶבִּי דָארְט אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי אַ חָשׁוּבְ׳ן אִיד, אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר, וָואס אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי מְקוֹרָבִים בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי ר׳ בָּרוּכְ׳ל זי״ע, דֶעם רֶבִּינְ׳ס פֶּעטֶער. דֶער אִיד הָאט אוֹיפְגֶענוּמֶען דֶעם רֶבִּי׳ן מִיט גְרוֹיס כָּבוֹד, עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה לְכָבוֹד דֶעם רֶבִּי׳ן, אוּן עֶר הָאט צוּזַאמְגֶערוּפְן נָאךְ אִידְן, חֲסִידִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי ר׳ בָּרוּכְ׳ל זי״ע.

דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוענְלִיךְ גֶעוֶוען זֵייעֶר פַארְמַאכְט, עֶר פְלֶעגְט נִישְׁט זָאגְן קַיין תּוֹרָה בָּרַבִּים, אָבֶּער דָארְט בַּיי יֶענֶע סְעוּדָה הָאט מֶען אִים גֶעגֶעבְן וַויין צוּ טְרִינְקֶען, דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוָוארְן אוֹיפְגֶעהֵייטֶערְט, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְן זָאגְן תּוֹרָה, גָאר וואוּנְדֶערְלִיכֶע שֵׁיינֶע זַאכְן, אוּן דִי אִידְן בַּיים טִישׁ הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט אוֹיף דֶעם, זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי׳ן.

נָאךְ דִי חֲתוּנָה פוּן זַיין שְׁוֶוער, אִיז דֶער רֶבִּי צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען אַהֵיים קַיין אוּסְיַאטִין.

### קיח

אִין יֶענֶע צַייט אִיז גֶעקוּמֶען קַיין מָאהְלוּב דֶער בַּאקַאנְטֶער גְרוֹיסֶער צַדִיק רֶבִּי דוֹב מִזַאסְלַאב זַ״ל, פוּן דִי גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי״ע, [מְ׳פְלֶעגְט אִים רוּפְן ״רֶבִּי בֶּער בֶּן רֶבִּי בּוּנָם״, אוּן שְׁפֶּעטֶער הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען אַרוֹיפְצוּגֵיין קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן אִיז דָארְט נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן]. דִי אָרְטִיגֶע אִידְן הָאבְּן אִים אִיבֶּערְגֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעהֶערְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן בַּיי דִי סְעוּדָה, אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר בַּאאֵיינְדְרוּקְט דֶערְפוּן, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט אַז דֶער אִינְגֶערְמַאן וֶועט נָאךְ זַיין אַ גְרוֹיסֶער חִידוּשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט.

### קיט

אִין דֶעם יָאר אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן בַּיים רֶבִּי׳ן אַ צְוֵוייטֶע טָאכְטֶער, אוּן עֶר הָאט אִיר הָאט נָאמֶען גֶעגֶעבְן שָׂרָה, נָאךְ זַיין בַּאבֶּע, דִי מַאמֶע פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי״ע.

### קכ

אִין לוֹיף פוּן דִי גַאנְצֶע צַייט הָאט דֶער רֶבִּי גֶעוואוֹינְט בַּיי זַיין שְׁוֶוער אִין אוּסְיַאטִין, וֶוען זַיין שְׁוֶוער הָאט אָבֶּער חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט דִי צְוֵוייטֶע וַוייבּ, הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן פְּרָאבְּלֶעמֶען. דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט הָאבְּן אַ פְּרִיוַואטֶער שְׁטִיבְּל אוֹיפְ׳ן בּוֹידֶעם בַּיי זַיין שְׁוֶוער אִינְדֶערְהֵיים, וואוּ עֶר הָאט גֶעקֶענְט דָארְט רוּאִיג דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען. אֵיינְמָאל אִיז דֶער רֶבִּי אַוֶועק גֶעפָארְן עֶרְגֶעץ וואוּ, אוּן דִי נֵייעֶ שְׁוִויגֶער הָאט גֶעוָואלְט נֶעמֶען דֶעם שְׁטִיבְּל פַאר זִיךְ, הָאט זִי דֶעמָאלְט אַרַיינְגֶעלֵייגְט דָארְטְן אִיר בֶּעט.

וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען אוּן גֶעזֶען אַז מֶען הָאט אִים אַוֶועקְגֶענוּמֶען זַיין הֵיילִיג וִוינְקְל וואוּ עֶר הָאט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּקְבִיעוּת פַאר אַזוֹיפִיל יָארְן, הָאט עֶר מֶער נִישְׁט גֶעוָואלְט וואוֹינֶען דָארְט בַּיי זַיין שְׁוֶוער, עֶר אִיז אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען פוּנֶעם דָארְף אוּסְיַאטִין, אוּן זִיךְ אַרִיבֶּער גֶעצוֹיגְן צוּם שְׁטָאט מֶעדְוֶועדִיוְקֶע, וואוּ עֶר הָאט זִיךְ בַּאזֶעצְט.

גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר ״פְּעֻלַּת הַצַדִיק״
פָארְזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי״ה

## ישיבה "תפארת התורה" ברסלב

**צוליב דעם גרויסן פארלאנג וואס מיר האבן געהאט די פארגאנגענע יארן אז די בחורים פון ישיבה זאלן ארויף קומען משמח זיין בעצם יום הפורים,**

**דערפאר וועלן מיר דאס יאר נישט ארויף גיין צו קיינעם, נאר מיט א פאראויס באשטימטע אפוינטמענט.**

**אויב ווילט איר אז די בחורים זאלן ארויף קומען צו אייך צו משמח זיין בעצם יום הפורים, ביטע רופן ווי פריער צו באשטימען א צייט.**

**צייט איז באגרעניצט, רופט שוין**

**917-530-2556**

וכל הקודם זכה

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

## קול תורה הילכט אפ אין "כולל היכל הקודש"

כאפנדיג א בליק אריין אין היכל הכולל, וואס איז געגרינדעט געווארן מיט ווייניגער פון א יאר צוריק, זעט זיך ארויס די געוואלדיגע הצלחה און סייעתא דשמיא, ווי די לומדי הכולל לערנען מיט אזא חשק און ברען, דער קול תורה הילכט אפ מיט׳ן גאנצן געשמאק.

דער ערשטער סדר אין כולל הויבט זיך אן מיט א שיעור גמרא פונעם ראש ישיבה שליט״א, אזוי ווי מוהרא״ש זי״ע האט איינגעשטעלט אין יבנאל, אז דער כולל זאל זיך אנהויבן מיט׳ן לערנען גמרא. נאכ׳ן שיעור חזר׳ט מען איבער די גמרא בעיון אין כולל, דורכאקערנדיג די גמרא רש״י תוספות און מפורשים, ביז צו הלכה למעשה אין שלחן ערוך.

דער צווייטער סדר איז הלכות שבת, דעם ווינטער האט מען דורכגעלערנט אין כולל הלכות שכירות וקבלנות, און יעצט לערנט מען הלכות מוקצה. און דער דריטער סדר פארנאכטס איז הלכות טהרה.

במשך דעם טאג געפינען זיך אין כולל נאר די אינגעלייט וואס תורתם אומנתם, וואס זייער ציל אין לעבן איז נאר צו לערנען און קענען די הייליגע תורה. דער ראש ישיבה שליט״א איז אבער מעורר אויך די אנשי שלומינו וואס זענען טרוד א גאנצן טאג צו ברענגען פרנסה, אז זיי זאלן אויך קומען לערנען אין כולל, אפילו פאר נאר איין סדר. די אינגעלייט וואס הויבן אן ארבעטן שפעטער, קומען לערנען אין כולל פאר׳ן ערשטן סדר אין גמרא, און די אינגעלייט וואס קענען נישט קומען אינדערפרי, קומען אריין פארנאכטס, מיטצוהאלטן דעם דריטן סדר אין כולל.

אפילו אבער די אינגעלייט וואס קומען בכלל נישט אין כולל, מאכן זיי זיך אבער זייער אייגענע כולל ביי זיך אין די ארבעט. דער הייליגער רבי האט אונז געגעבן דעם "סדר דרך הלימוד" וואס אויף דעם וועג קען יעדער איד זוכה זיין צו לערנען די הייליגע תורה, נישט קיין חילוק אין וואסערע מצב ער איז. עס איז אזוי שיין צו זען אינגעלייט וואס גייען צו די ארבעט מיט זייער פעקל ספרים, אזוי ווי מ׳נעמט מיט צו די ארבעט א "לאנטש בעג", צו קענען עפעס עסן אינמיטן טאג, די זעלבע נעמען זיי אויך מיט א רוחניות׳דיגע "לאנטש בעג", מ׳פאקט זיך איין אין א זעקל א קליין משניות׳ל, א חומש׳ל, א תהלימ׳ל, א גמרא׳לע, און אזוי ווייטער נעמט זיך יעדער מיט זיינע ספרים און שיעורים, מ׳האלט דאס מיט זיך ביי די ארבעט און אין אפיס, אין די קאר און אויפ׳ן באס, סיי וואו ס׳קומט נאר אויס צו זיין. במשך דעם טאג קומט אלץ אויס איבריגע צייט, און דעמאלט כאפט מען אריין צו לערנען אביסל די הייליגע תורה.

דער רבי זאגט אז מ׳קען לערנען תורה אפילו מ׳פארשטייט נישט וואס מ׳זאגט, און אפילו מ׳געדענקט נישט וואס מ׳לערנט, דער עיקר איז צו זאגן די ווערטער פון די הייליגע תורה. אינגעלייט דערציילן וויפיל סיומים זיי האבן שוין געמאכט בלויז פון די פאר מינוטן אינמיטן טאג דא און דארט ווען מ׳האט איבריגע לידיגע צייט. דאס געבט זיי אזויפיל חיות און חשק אין לעבן, דאס געבט צו עסן און סיפוק פאר די נשמה, און דאס ברענגט אויפ׳ן מענטש אזויפיל צופרידנהייט און שמחת החיים.

**וקול התורה נשמע בארצינו!**

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**החתן אליעזר שלמה גרינבלאט נ״י**

**וואס איז א חתן געווארן למזל טוב עב״ג בת**

**מו״ה ברוך בארדוגו הי״ו**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד מיט דורות ישרים ומבורכים

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**מו״ה שלום פאלמאן הי״ו**

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זען אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע זיינע קינדער געזונטערהייט, דורות ישרים ומבורכים

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, דרשות, ניגונים, סידי׳ס, USB׳ס, SD׳ס, און נאך;**

**דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז״ה עס צו שיקן צו אייך אהיים.**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

212-444-9191 / 845-414-8429 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361

**< BreslevCenter.com >**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**

212-444-9169 / 845-414-8426 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

**צו מנדב זיין די הוצאות פון דרוקן דעם גליון, רופט 347–304–0328**